בס"ד

נצבים וילך תשפ"ד

גליון 209

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרעֶ קינדעֶר זָאלְט איר מוֹדיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זיך גיטָאן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## בַּאנַייעֶן פוּן אִיצְטֶער

מיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיים שְׁוֶועל פוּנֶעם נַייעֶם יָאר. אַלֶע אִידְן גְרֵייטְן זִיךְ אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער זוּכְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּוַואכְן פוּנֶעם שְׁלָאף אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

מיר אַלֶע בֶּעטְן בַּיים דַאוֶונֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג "זָכְרֵנוּ לְחַיִּים מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים", מִי כָמוֹךָ... וּכְתוֹב... בְּסֵפֶר חַיִּים...

ר' נָתָן אִין הִלְכוֹת תְּפִלִּין אִיז מַסְבִּיר אַז דֶער עִיקָר קְדוּשָּׁה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן פוּן אִיצְטֶער אוּן צוּלֵייגְן מֶער קְדוּשָּׁה פוּן דַאסְנֵיי.

דֶערְפַאר בֶּעטְן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג גָאר אַסַאךְ מָאל אוֹיף הִתְחַדְּשׁוּת, אַז מֶען זָאל זִיךְ אַלֶעמָאל בַּאנַייעֶן פוּן דַאסְנֵיי אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט "חַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה" 'חַדֵּשׁ', מֶען בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אוּנְז זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן פוּן נִצְחִיוּת, דֶערְפַאר בֶּעטְן מִיר אַסַאךְ מָאל 'זָכְרֵנוּ לְחַיִּים', וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֶּעטְן מִיר אוֹיף אֱמֶת'עֶ לַאנְגֶע לֶעבְּן, דָאס מֵיינְט אַ לֶעבְּן וָואס מִיר טוּעֶן דֶער רְצוֹן הַשֵּׁם אוּן מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים זַיינֶע מִצְווֹת מִיט פְרִישְׁקֵייט.

פַארְוָואס פָארְט מֶען צוּ צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי עֵצוֹת אִין אִידִישׁ אִיז עֶר מַסְבִּיר לוֹיט תּוֹרָה רי"א אַז דֶער עִיקָר הַמְתָּקַת הַדִּינִים וֶוערְט לוֹיט דִי הֵיילִיגְקַייט אוּן רֵיינְקֵייט וָואס מֶען הָאט אִין מֹחַ, אָבֶּער מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת נָאר אַז מֶען אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ צַדִּיקִים, אוּן ווִיבַּאלְד רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער מְקוֹר פוּן דִינִים דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זַייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ הַאלְטְן רֵיין דִי מַחֲשָׁבוֹת אִין דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּדֵי צוּ מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִינִים, דֶערִיבֶּער פָארְט מֶען צוּ דִי צַדִּיקִים צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה אוּן טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה.

אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פָארְט צוּ אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְן נִמְתָּק אַלֶע סָארְטְן דִינִים פוּן דֶער וֶועלְט, דָאס מֵיינְט אַלֶע קִטְרוּגִים אוּן יִסּוּרִים פוּן דֶער וֶועלְט, וָואוּ עֶס אִיז נָאר פַארְהַאן עֶפֶּעס אַ דִין – דָאס מֵיינְט אַ קִטְרוּג וֶועלְכֶע בְּרֶענְגְט צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים – וֶוערְט אַלֶעס נִמְתָּק אוּן בָּטֵל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פָארְט צוּ אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז טַאקֶע גֶעוָוארְנְט "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען טְרַאכְטְן גוּט".

דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זֵיי זֶענֶען צוּזַאמֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן אַחְדוּת דוּרְךְ

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

דֶעם קוּמְט אַריין אַסאך שִׂמְחָה און פְרֵייד אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק.

טַייעֶרע קִינְדֶער, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ מַמְלִיךְ זַיין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר בֶּעטְן בַּיים דַאוֶוענֶען אַז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס קֶענִיגְרֵייךְ זָאל שׁוֹין נִתְגַלֶה וֶוערְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, יֶעדֶער אֵיינֶער וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל זֶען צוּ דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה וִוי מֶער, אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן בִּקְדֻשָּׁה אוּן טָהֳרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין הֲלָכָה אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן טָאג אוּן זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוּן וואוּנְטְשְׁן מִיט לִיבְּלִיכְקַייט פַאר אַלֶעמֶען 'לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם' אוּן עֶסְן דִי סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם (נחמיה ח, י).

בַּיי דִי תְּקִיעוֹת זָאל מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ אוּנְזִין הָאבְּן אַז מֶען אִיז מְקַיֵים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה דְאוֹרַיְיתָא פוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר, אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מִצְוַת כִּבּוּד אָב וָאֵם אִיז אוֹיךְ אַ דְאוֹרַיְיתָא.

וֶוער עֶס קֶען זָאגְן תְּהִלִּים, וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק, אַשְׁרֵי לוֹ, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ טוּן תְּשׁוּבָה. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אַריינְכַאפְּן 'לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת'. זִיכֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז מֶען קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִישׁ אוּן אִים בֶּעטְן אַז דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ זָאל שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן אוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מַלְכוּת זָאל שׁוֹין נִתְגַלֶּה וֶוערְן אִינְגִיכְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן פַאר אוּנְז אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַ אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶע יָאר, לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם, בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, אָמֵן.

---

# איין מעשה'לע



## אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ

דִי וָואךְ הָאבְּן אוּנְז גֶעהַאט אַ פַארְהֶער פוּן דְרַיי בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוֹיף אוֹיסְוֶוייניג. פַארְן פַארְהֶער הָאבְּן אוּנְז אִיבֶּערְגֶע'חַזָר'ט דִי בְּלֶעטֶער אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אֵיין שְׁטִיקְל גְמָרָא.

כְ'הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט 'אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל', אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט דֶעם שְׁטִיקְל גְמָרָא אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאךְ אַמָאל, אָבֶּער כְ'הָאבּ עֶס נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען.

אִיךְ הָאבּ דַאן גֶעגֶעבְּן נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם שְׁטִיקְל.

פוּן דָא לֶערְנְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן אוּן פְּרוּבִּירְן אוּן דֶער עִיקָר וָואס מֶען לֶערְנְט זִיךְ אַז נָאר תְּפִלָּה הֶעלְפְּט.

יִישַׁר כֹּחַ פַארְן רֶבִּי'נְס לִיכְט

# בְּרָכוֹת בַּיים רַבִּינ'ס קִבּוּץ



ר' חַיִּים סְטָאלֶער דֶער פְּשׁוּט'ער אִידל שְׁטֵייט אִין זַיין סְטָאלֶערַיי, עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן צַאמְשְׁטֶעלְן שַׁאפֶעס מִיט טִישְׁן אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע שֵׁיינֶע מֶעבְּל.

ר' חַיִּים אַ פַייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פוּן ר' נָתָן וַוייסְט וִויאַזוֹי צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, וֶוען עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן גְּלַאט מַאכְן אוּן אוֹיסְרַייבְּן דִי הָאלְץ גִּיסְט עֶר זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוּן לָאזְט פַאלְן טְרֶערְן בֶּעטְנְדִיג זִיךְ דֶערְבַּיי בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הַאלְט דָא אִין הַאנְט אַ הָאלְצֶערְנֶע קְלָאץ אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט דָאס אוֹיס בִּיז עֶס וֶוערְט אַ שֵׁיין שְׁטִיקְל מֶעבְּל. בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיךְ רֵייניגְן מַיין נְשָׁמָה מִיט מַיין הַארְץ עֶס זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַזוֹי שֵׁיין גְּלַאט אוּן זוֹיבֶער וִוי דָאס הָאלְץ וָואס אִיךְ שַׁארְף אוֹיס אַזוֹי שֵׁיין."

לַיידֶער הָאט ר' חַיִּים נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְן קִינְדֶער. אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ זַיין בְּנֵי־בֵּית אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ טַעֲנָה צוּ אִים: "אַלֶע חֲסִידִים גֵייעֶן זִיךְ וואוּנְטְשְׁן בַּיי ר' נָתָן אוּן דוּ וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער פַאר וָואס גֵייסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וואוּנְטְשְׁן בַּיי אִים?" הָאט ר' חַיִּים אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ר' נָתָן וַוייסְט דֶען נִישְׁט אַז מִיר הָאבְן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער? וָואס הָאבּ אִיךְ אִים צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אַז דוּ ווִילְסְט, גֵיי דוּ אוּן בֶּעט אִים אַ בְּרָכָה".

זִי אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן ר' נָתָנְ'ס טִיר אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין. ר' נָתָן גִיט אַ פְּרֶעג: "וֶוער אִיז דָארְט?" הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אִיר וֵוייטָאג אוּן צַער, אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע יָאר אוּן זֵיי הָאבְן נָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער. הָאט ר' נָתָן אִיר גֶעזָאגְט: "גֵיי אַהֵיים אוּן זָאג פַאר דַיין מַאן עֶר זָאל אַרַיינְעֶמֶען בַּיי זִיךְ צְוֵוען גֶעסְט וָואס קוּמֶען צוּם קִבּוּץ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן. אִיךְ מֵיין נִישְׁט אִיר זָאלְט גֶעבְּן פִישׁ אוּן פְלֵייש, נָאר אֲפִילוּ

פְּשׁוּטֶ'ע קוֹילִיטְשׁ מִיט קַאוּוְנֶעס (חַלּוֹת מִיט רוֹיטֶע מֶעלָאן)"

הָאט דִי פְרוֹי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד: "זִיכֶער, אִיךְ נֶעם זִיךְ שׁוֹין אוּנְטֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען דִי גֶעסְט אוּן אַלֶעס בַּאזָארְגְן פַאר זֵיי".

ר' נָתָן זָאגְט אִיר: "גֵיי קוֹדֶם פְרֶעגְן דַיין מַאן". זִי אִיז טַאקֶע אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן פַארְצֵיילְט פַאר אִיר מַאן וָואס ר' נָתָן הָאט אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

הָאט זִיךְ ר' חַיִּים אָנְגֶערוּפְן: "גֵיי צוּ ר' נָתָן אוּן זָאג אִים אַז אִיךְ וֶועל זֵיי גֶעבְּן פִישׁ אוּן פְלֵייש אוֹיךְ". זִי אִיז טַאקֶע צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ ר' נָתָן, אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי וֶוערְטֶער פוּן אִיר מַאן.

הָאט אִיר ר' נָתָן גֶעזָאגְט: "וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד, זָאלְט אִיר אַ נָאמֶען גֶעבְּן דָאס קִינְד, 'לֵוִי יִצְחָק' נָאכְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'ער רַב זַצַ"ל".

עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, אוּן עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגֶעלֶע, מֶען הָאט דָאס קִינְד טַאקֶע אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן לֵוִי יִצְחָק. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נָאךְ אַ אִינְגֶעלֶע, הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן יִשְׂרָאֵל נָאכְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן דָאס אִיז דֶער בַּאווּוּסְטֶער ר' יִשְׂרָאֵל טְרָאווִויצֶער זַ"ל.

דֶער זוּן ר' לֵוִי יִצְחָק אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן פַאר בְּעֵרֶךְ הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, (תר"פ) זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים אוּן וֶוען ר' לֵוִי יִצְחָק פְלֶעגְט אַרוֹיפְגֵיין דוּכֶענֶען, פְלֶעגְט עֶר בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת כֹּהֲנִים מִיט גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן זִיסֶע שְׁטִימֶע.

שְׁפֶּעטֶער אִיז בַּיים ר' חַיִּים סְטָאלֶער אוֹיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ טָאכְטֶער וֶועלְכֶע הָאט אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ ר' שַׁבְּתַי בְּרֶסְלֶבֶ'ער.

הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם 'חָכָם': "וְויאַזוֹי עֶר אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען"?! הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט:

"אַז זִינְט [פוּן] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' [שְׁטוּרֶעם־וִוינְט] אִיז גֶעוֶוען – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען ווָאוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען! – (אוּן ווָאוּ עֶר אִיז [אַלְץ] גֶעגַאנְגֶען, אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אִיבֶּער] אַלֶע – נָאר אִיבֶּער 'זֵיי [דִי דָאזִיגֶע] דְרֵיי', דְהַיְינוּ: אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה', מִיט דֶעם 'גִּבּוֹר', מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה' – אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען])! – בִּיז דִי '[לַייט פוּן דִי דָאזִיגֶע] מְדִינָה' הָאבְּן אִים גֶעפוּנֶען, אוּן הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'

אוּן לְעֵת־עַתָּה דֶערְוַוייל, מוּז עֶר זֵיי פִירְן וֶועדְלִיג [לוֹיט] זֵייעֶר וֶועג, וֶועדְלִיג [לוֹיט] זֵייעֶרֶע 'חָכְמוֹת'! – בִּיז דֶערְנָאךְ [בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט] וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיסְפִירְן אוֹיף דֶעם 'רֶעכְטְן אֱמֶת'"!

הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם 'חָכָם': מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה' וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גֶעוָוארְן אִין דֶעם גֶעלְט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט:

"וֶוען מִיר זָאלְן מֶער [וָואלְטְן וֶוען] נִישְׁט פַארְוָוארְפְן ווֶערְן [גֶעוָוארְן] אוּן צוּשְׁפְּרֵייט ווֶערְן [גֶעוָוארְן], נָאר פוּן [צוּלִיבּ] 'דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה' וֶועגְן – כְּדֵי מְ'זָאל זֵיי פַארְרֶעכְטְן אוּן אוּמְקֶערְן צוּם 'אֱמֶת' – אִיז אוֹיךְ כְּדַאי – וָוארְן דִי זֶענֶען אַזוֹי [שְׁטַארְק] פַארְפִירְט גֶעוָוארְן!

וָוארְן צוּם אֱמֶת:

דִי אַלֶע 'כִּיתּוֹת' הַנַ"ל – וָואס אִיטְלֶעכֶע [פוּן דִי אַלֶע כִּיתּוֹת] הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אִיר 'נַארִישְׁקַייט'! – 'דִי' הָאבְּן גֶעוָואלְט 'כָּבוֹד', אוּן 'דִי' 'רְצִיחָה', וְכוּ' כַּנַ"ל [אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע כִּיתּוֹת, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – זֶענֶען זִיךְ אַלֶע פַארְפִירְט [אוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוֶוען [גֶעוָוארְן] – אוּן מְ'הָאט [מְ'וָואלְט] זֵיי אַלֶע בַּאדַארְפְט [פַארְרֶעכְטְן, זֵיי צוּרִיקְקֶערְן פוּן זֵייעֶר 'נַארִישְׁקַייט', אוּן] אַרוֹיסְפִירְן אוֹיף [צוּרִיקְקֶערְן צוּ] דֶעם 'רֶעכְטְן תַּכְלִית'!

וָוארְן אֲפִילוּ דִי 'כִּיתָּה' וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן, אַז דֶער 'תַּכְלִית' אִיז 'חָכְמָה' – 'דִי' [זֵיי] הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְלַאנְגְט [דֶערְגְרַייכְט] דֶעם 'אֱמֶת'ְן תַּכְלִית'! – אוּן 'זֵיי' בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְפִירְן דֶערְפוּן – וָוארְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן [אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן] אִין 'חָכְמוֹת־חִיצוֹנִיּוֹת' אוּן 'אַפִּיקוֹרְסוּת'!

לוּשְׁמִיר [נָאר] – פוּן 'אַלֶע נַארִישְׁקַייט' [טָעוּתִים], קֶען מֶען גְרִינְגֶער אַרוֹיסְפִירְן אָבֶּער דִי 'דָאזִיגֶע' זֶענֶען אַזוֹי [שְׁטַארְק] פַארְפִירְט גֶעוָוארְן אִין דֶער 'עֲבוֹדָה־זָרָה' פוּן 'גֶעלְט', אוּן זֵיי זֶענֶען דֶערִינֶען אַזוֹי [שְׁטַארְק] אַרַיינְגֶעפַאלְן – וָואס סֶע [אַז סְ'אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶערְפוּן אוּן דֶער 'חָכָם' הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהֶערְט פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ':

אַז פוּן 'אַלֶע תַּאֲוֹות', קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען! – נָאר פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט', קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען – סַיידְן [נָאר] דוּרְךְ דֶעם 'וֶועג' וָואס סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן צוּ דֶער 'שְׁוֶוערְד', כַּנַ"ל/ הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי!

זֶענֶען זֵיי 'אַלֶע פִיר' [(1) 'מְמוּנֶה'. (2) 'גִּבּוֹר'. (3) 'בַּעַל־תְּפִילָה'. (4) 'חָכָם'], גֶעגַאנְגֶען [אִינְאֵיינֶעם]!

אוּן [אוֹיךְ] דִי 'גָאטְן' (דְהַיְינוּ: דִי 'עֲשִׁירִים' פוּן דֶער 'מְדִינָה'), זֶענֶען אוֹיךְ מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען.

זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'מְדִינָה'! הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט [פוּן] דִי 'וַוארְטֶעס' [שׁוֹמְרִים]:

"וָואסְפַּארַא [סָארְט] 'מְדִינָה' אִיז דָאס?! אוּן וֶוער אִיז אֵייעֶר 'מֶלֶךְ'"?! הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"בַּאֲשֶׁר [אַז פוּן] דֶעמָאלְט אַז [ווען] דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' [שְׁטוּרֶעם־ווִינְט – וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פֶּרֶק ז אוֹת א] אִיז גֶעוֶוען – דֶעמָאלְט הָאבְּן זִיךְ דִי 'לַייט' פוּן 'דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה' אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן: אַז דֶער 'תַּכְלִית' אִיז, דֶער 'דִיבּוּר' – הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען [אוֹיף זִיי], אַ 'דַבְּרָן' אַ 'בַּעַל־לָשׁוֹן' פַאר אַ 'מֶלֶךְ'!

דֶערְנָאךְ, הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן 'בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה' אוּן [זֵייעֶר] אַ [גְרוֹיסְן] 'דַבְּרָן'!

הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! – וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ', הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי 'מְלוּכָה' – ווַייל [ווִיבַּאלְד] עֶר אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] 'בַּעַל־לָשׁוֹן'"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטוּיסְן "[אַז] דָאס מוּז בְּוַודַּאי זַיין, דֶער 'מֵלִיץ', פוּן אוּנְזֶער 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן: "אוֹיבּ ס'אִיז מֶעגְלִיךְ, זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט דֶעם [דָאזִיגְן] 'מֶלֶךְ'"?!

הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] מ'מוּז מֶעלְדֶעוֶוען [זֵיי וֶועלְן אִים מוֹדִיעַ זַיין, אוּן בַּאקוּמֶען רְשׁוּת]"!

הָאט מֶען [זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן אִים] גֶעמֶעלְדֶעוֶועט הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "אַז זֵיי זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען"!

זֶענֶען 'זֵיי' – אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'מֶלֶךְ' – אוּן דָאס אִיז [טַאקֶע] גֶעוֶוען דֶער 'מֵלִיץ' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'! הָאבְּן זֵיי זִיךְ – דֶערְקֶענְט!

אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ, 'זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה', אוּן 'בְּכִיּוֹת', אִיז דֶער 'מֵלִיץ' מִיט זֵיי אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען!

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען זוּכְן! – טָאמֶער וֶועלְן זֵיי גֶעפִינֶען דִי 'אִיבְּרִיגֶע', וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "אַז 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' הֶעלְפְט זֵיי, [אַז] זֵיי גֶעפִינֶען אַלֶעמָאל זֵייעֶרֶע 'חֲבֵרִים'"! – אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס אַלְץ אָנְגֶעהָאנְגֶען, אִין דֶעם 'זְכוּת' פוּן זֵייעֶר כָּשֵׁר'ן 'בַּעַל־תְּפִלָּה', וָואס עֶר אִיז תָּמִיד מִתְפַּלֵּל דֶערוֹיף! אוּן דוּרְךְ זַיינֶע תְּפִלּוֹת, זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה אַלְץ, צוּ גֶעפִינֶען זֵייעֶרֶע 'חֲבֵרִים'!

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! – טָאמֶער וֶועלְן זֵיי נָאךְ גֶעפִינֶען [אוֹיךְ] דִי 'אִיבְּרִיגֶע'! זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען – אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'מְדִינָה'! אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט: "וָואסְפַּארַא [סָארְט] 'מְדִינָה' אִיז דָאס?!

אוּן וֶוער אִיז אֵייעֶר 'מֶלֶךְ'"?! הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"אַז זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער 'כִּיתָּה', וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן: 'אַז דֶער 'תַּכְלִית' אִיז, אַז מְ'זָאל 'שִׁיכֶּערְן', אוּן 'פְרֵיילֶעךְ' זַיין' – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען עֶפֶּעס אַ 'שִׁיכּוֹר' פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! – וָוארְן עֶר אִיז תָּמִיד 'פְרֵיילֶעךְ'!

דֶערְנָאךְ, הָאבְּן זֵיי גֶעפִינֶען אַ 'מֶענְטְשְׁן', וָואס עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אִין אַ 'יַם פוּן ווַיין'! – אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר וואוֹיל־גֶעפֶעלְן בֶּעסֶער – וָוארְן 'דֶער' אִיז זִיךְ בְּוַודַּאי, 'זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שִׁיכּוֹר' – וָוארְן עֶר זִיצְט זִיךְ אִין אַ 'יַם פוּן ווַיין'!

הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'"! הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן [אַז]: "מְ'זָאל זִיךְ מִיט אִים זֶעהְן"?!

אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן מְ'הָאט גֶעמֶעלְדֶעוֶועט זֶענֶען 'זֵיי' – אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם [דָאזִיגְן] 'מֶלֶךְ'! – אוּן דָאס אִיז [טַאקֶע] גֶעוֶוען דֶער 'אוֹהֵב־נֶאֱמָן' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' – וָואס 'עֶר' [דֶער 'אוֹהֵב־נֶאֱמָן'] אִיז גֶעזֶעצְן אִין דֶעם 'יַם פוּן ווַיין', וָואס עֶר [דֶער 'יַם פוּן ווַיין'] אִיז גֶעוָוארְן, פוּן דִי 'רֵייד' פוּן דֶעם 'מֵלִיץ', וָואס עֶר הָאט גֶעטְרֵייסְט זֵיי, כַּנַ"ל.

(אוּן דִי 'מְדִינָה' הָאט [הָאבְּן] גֶעמֵיינְט: אַז עֶר אִיז אַ 'גְרוֹיסֶער שִׁיכּוֹר', ווַייל עֶר זִיצְט אִין אַ 'יַם פוּן ווַיין'! – הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ')!

ווִי זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים – הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט – אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע! אִיז [אוֹיךְ] צְווִישְׁן זֵיי – גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה', אוּן 'בְּכִיּוֹת', כַּנַ"ל.

אִיז דֶער 'אוֹהֵב־נֶאֱמָן', אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵיי! זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'מְדִינָה'! הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט [פוּן] דִי 'וַוארְטֶעס' [שׁוֹמְרִים]:

"וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ אַ 'מֶלֶךְ'"?! הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"אַז זֵייעֶר 'מֶלֶךְ', אִיז אַ 'יְפַת־תּוֹאַר'! – מַחֲמַת [ווייל] זִי בְּרֶענְגְט צוּם 'תַּכְלִית'! – וָוארְן דֶער 'תַּכְלִית' אִיז, 'יִשׁוּב הָעוֹלָם' (דְהַיְינוּ: אַז דִי וֶועלְט, זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט 'מֶענְטְשְׁן'), כַּנַ"ל.

אוּן פְרִיעֶר אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען [עֶפֶּעס] אַ 'יְפַת־תּוֹאַר', פַאר אַ 'מַלְכָּה'! – דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען אַ 'יְפַת־תּוֹאַר', וָואס זִי אִיז 'ווילד־שֵׁיין זֵייעֶר' – הָאבְּן זֵיי 'זִי' [אִיר] אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מַלְכָּה'"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטוֹיסְן: "[אַז] דָאס מוּז בְּוַודַאי זַיין דִי 'בַּת־מַלְכָּה'. הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן: "אוֹיב מְ'קֶען זִיךְ זֶעהְן מִיט אִיר"! אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן מְ'הָאט גֶעמֶעלְדֶעוֶועט.

זֶענֶען 'זֵיי', אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער 'מַלְכָּה'! הָאבְּן זֵיי זִי [אִיר] דֶערְקֶענְט: "אַז דָאס אִיז דִי [טַאקֶע] 'בַּת־מַלְכָּה' אַלֵיין"!

אוּן דִי [גְרוֹיסֶע] 'שִׂמְחָה' וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען – קֶען מֶען בְּוַודַאי נִישְׁט מְשַׁעֵר זַיין [אָפְּשַׁאצְן]! הָאבְּן זֵיי זִי [אִיר] גֶעפְרֶעגְט: "וִוי [וִויאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער"!

הָאט זִי זֵיי דֶערְצֵיילְט:

"אַז דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' אִיז גֶעוֶוען – אוּן הָאט אוֹיסְגֶעכַאפְּט דָאס 'טֵייעֶרֶע קִינְד' פוּן דֶער 'וִויג' [בֶּעטְל] אַרוֹיס, כַּנַ"ל. אִיז זִי [דֶעמָאלְט] תֵּיכֶּף 'בְּשַׁעַת בֶּהָלָה' נָאכְגֶעלָאפְן נָאךְ דֶעם 'קִינְד'! – אוּן זִי הָאט עֶס [אִים] נִישְׁט גֶעפוּנֶען!

הָאט זִי [אִיר] דִי 'מִילֶעךְ' גֶעשְׁפַּארְט! – אוּן דֶערְפוּן אִיז גֶעוָוארְן, אַ 'יַם פוּן מִילֶעךְ'!

דֶערְנָאךְ – הָאבְּן זִי גֶעפוּנֶען 'דִי מְדִינָה'! – אוּן הָאבְּן זִי [אִיר] אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ' אוֹיף זֵיי"!

אוּן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה'! אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוַויינְט אוֹיךְ: "אוֹיף דֶעם 'טֵייעֶרְן קִינְד' וָואס סְ'אִיז נִישְׁט דָא – אוּן אוֹיף אִיר 'פָאטֶער' אוּן 'מוּטֶער' וָואס זִי וֵוייסְט פוּן זֵיי נִישְׁט"!

אוּן הַיינְט, הָאט שׁוֹין דִי 'מְדִינָה' אַ 'מֶלֶךְ' אוֹיךְ – וָוארְן דָא אִיז זִיךְ [דָאךְ] שׁוֹין דָא 'אִיר מַאן', פוּן דֶער [דִי דָאזִיגֶע] 'בַּת־מַלְכָּה' וָואס זִי אִיז דָא גֶעוָוארְן 'מַלְכָּה'! – וָוארְן דֶער 'גִבּוֹר', אִיז זִיךְ אִיר 'מַאן' הָאט שׁוֹין דִי 'מְדִינָה', אַ 'מֶלֶךְ'!

הָאט דִי 'בַּת־מַלְכָּה' גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז עֶר זָאל דֶערְוַוייל גֵיין אִין 'אִיר מְדִינָה', אוּן זָאל זִי [דָאס] דֶערְוַוייל אַבִּיסְל רֵיינִיגְן, פוּן זֵייעֶר 'מִיאוּס [גְרוֹיסְן מִיאוּסְ'ן] שְׁלֶעכְטְס'"!

וָוארְן וַוייל [ווייבַּאלְד] בַּיי זֵיי אִיז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' גֶעוֶוען, [דִי זַאךְ פוּן] אַ 'יְפַת־תּוֹאַר' זֶענֶען זֵיי בְּוַודַאי זֵייעֶר 'מְזוֹהָם' גֶעוֶוען, אוּן זֶענֶען זֵייעֶר גֶעלִיגְן אִין 'דֶער תַּאֲוָה'"!

אִיבֶּערְדֶעם הָאט זִי גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז עֶר זָאל גֵיין, אוּן זָאל זֵיי דֶערְוַוייל אַבִּיסְל רֵיינִיגְן דֶערְפוּן"! (כְּלוֹמַר: עֶר זָאל זֵיי 'מוּסַר' זָאגְן: "אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַזוֹי לִיגְן, אִין דֶער 'תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף'")! "אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַזוֹי גְרָאבּ זַיין אִין דֶעם 'שְׁלֶעכְטְס'"! – וָוארְן חוּץ וָואס סְ'אִיז אַ 'תַּאֲוָה' – אִיז דָאס נָאךְ בַּיי זֵיי גֶעוֶוען, אַזוֹי־וִוי אַ 'אֱמוּנָה', אַז דָאס אִיז דֶער 'תַּכְלִית'!

(וָוארְן דִי אַלֶע 'כִּיתּוֹת', וָואס אִיטְלֶעכֶע הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אִיר 'שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ' פַאר אַ 'תַּכְלִית', כַּנַ"ל – אִיז 'דִי זַאךְ' – בַּיי אִיטְלֶעכֶער גֶעוֶוען, אַזוֹי־וִוי אַ 'אֱמוּנָה', אַז 'דָאס' אִיז דֶער 'תַּכְלִית')! אִיבֶּערְדֶעם הָאט זִי גֶעבֶּעטְן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז עֶר זָאל גֵיין, אוּן זָאל זֵיי רֵיינִיגְן אַבִּיסְל דֶערְוַוייל"!

:pe ______________



# לאמיר זיך פארהערן

## די צוועלעווטע מעשה - דער בעל תפילה (12)

**א. איבער וועלכע פלעצער איז דער חכם נישט אריבער?**
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ❑ אין די מעשה שטייט נישט איבער וועם ער איז אריבער
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער מליץ און דער אוהב נאמן

**ב. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ג. שאלת זכות: איבער וועלכע פלעצער איז דער מליץ נישט אריבער?**
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ❑ אין די מעשה שטייט נישט איבער וועם ער איז אריבער
- ❑ איבער די פלאץ פון דער חכם און דער אוהב נאמן

**ד. אין וועמענס זכות האבן זיי אנגעהאנגען דאס אז זיי טרעפן זיך צוזאם?**
- ❑ פון דעם גבור
- ❑ פון דעם ממונה
- ❑ פון דעם בעל תפלה וואס איז שטענדיג מתפלל אויף דעם

**ה. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ו. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג

**ז. פארוואס האבן זיי גענומען די בת מלכה פאר קעניג?**
- ❑ ווייל זי איז א טאכטער פון קעניג
- ❑ ווייל זי איז א יפת תואר
- ❑ ווייל זי איז געזעסן אין א ים פון מילך

**ח. אויף וואס האבן געוויינט די אנשי המלך און די בת מלכה?**
- ❑ אויף דעם טייערן קינד
- ❑ אויף איר טאטע און מאמע
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט די בת מלכה געבעטן פון דעם בעל תפלה?**
- ❑ צו א ביסל ריינִיגן דערווייל די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו ריינִיגן די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו א ביסל ריינִיגן דערווייל אלע מדינות פון זייער טעות

**י.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געדאנק

**וועלכע פון די אנשי המלך האט געקעניגט אויף צוויי מדינות, און אויף וועלכע צוויי מדינות האט ער געקעניגט ?**

---

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

ווער פון די אנשי המלך איז געגאנגען דער ערשטער אויפן וועג צום שווערד ? און וויפיל אנשי המלך זענען געגאנגען צוזאמען? דער ממונה על האוצרות, ביז דערווייל זענען געגאנגען דריי אנשי המלך דער ממונה, דער גבור און דער בעל תפילה



# דעם רביונ'ס משלים

## חאצקל בעל עגלה

חאצקל בעל עגלה איז באליבט ביי אלע זיינע ארומיגע, יעדן טאג נאך שחרית זיצט ער מיט זיינע קליינע ספרים און לערנט פלייסיג זיינע סדרים, איין סעיף נאכן צווייטן, א משנה נאך א משנה ווי זיין סדר. ווען ער ענדיגט פארמאכט ער זיינע ספרים מיט א קוש אויפן ספר און גייט ארויס צו ברענגען אביסל פרנסה, צו פירן מענטשן פון איין שטאט צום צווייטן, פון איין דערפל צום אנדערן דארף.

עס שטייען א געזעמל פון פיל בעלי עגלה, אידן און להבדיל ערלים, אבער ווען זיי זוכן איינעם אויפצונעמען אויף זייער וואגן, וועט חאצקל דער ערשטער ווערן אויסגעכאפט, ווייל ער מאכט א געשיקטן וועג.

פארוואס גלייכט דער עולם צו פארן מיט חאצקלן מער ווי מיט סיי וועלכער בעל עגלה?

אסאך תשובות קען מען ענטפערן, א חלק עולם האלט חאצקלען פאר אן פאראנטווארטליכן און אחריות'דיגער מענטש, זיין אמת'ער ווילן איז צו לערנען א גאנצן טאג ווען נישט וואס ער דארף באצאלן געלט פאר זיין משה'לעס מלמד. אנדערע זאגן ווייל חאצקל טראגט שטענדיג א שמייכל אויף זיין פנים, אויפן וועג צעזינגט ער זיך מיט גרויס שמחה פריילעכע נגונים.

אלע האלטן אבער איינס אז חאצקל האלט אויסטערליש גוט די לייצעס אין זיין האנט, ער האט די איבערהאנט אויף זיינע פערד מיטן פולן קאנטראל [שליטה] טראץ וואס זיי זענען שטארקע ברייט ביינערדיג, צוויי מאל אזוי גרויס ווי חאצקל.

צום ביישפיל, דערציילט ר' חיימ'ל, ״איינמאל ווען איך בין מיט אים געפארן אויף א שווערע וועג, מיר זענען אנגעקומען צו א געדעכטע וואלד, די וועג צו וואו מיר דארפן פארן איז זייער א שמאלע וועג, די פערד האבן פרובירט מיט אלע כוחות צו אנטלויפן אויף די ברייטע גרויסע וועג וועלכע פירט צו אנדערע שטעט און איז טאקע מער באקוועם צו פארן, אבער די פערד האבן געכאפט גוטע קלעפ און בלית ברירה געמוזט פאלגן זייער בעל-הבית, חאצקל, וועלכער איז זיי נישט מוותר, ער האלט די לייצעס מיט גרויסע כוחות און ברענגט זיין צוריק צום וועג צו וועלכע ער צילט״.

דער הייליגער רבי דערציילט אונז אזא משל (תורה ב' ח"ב): ״אונזערע מחשבות פליען אסאך מאל צו נישט גוטע פלעצער. אויב מיר וועלן קלאר וויסן אז ס'איז אוממעגליך צו טראכטן אויפאיינמאל צוויי מחשבות, טראץ וואס עס קומט אריין געדאנקען און מחשבות וואס פליען אין מח און פארשווימט אונז אריין און פרעמדע אומריינע זאכן, האבן אונז די כח צוריקצוברענגען די מחשבות און מיט געוואלד צוריקביגן צום גלייכן וועג, צו טראכטן וואס מען מעג און מען דארף טראכטן.

עס איז פונקט אזוי ווי א פערד וואס נייגט אוועק פונעם וועג און קערט זיך צו אן אנדערע וועג, דאן כאפט מען די לייצעס א.ד.ג און מען ברענגט אים צוריק מיט געוואלד צום גלייכן וועג.״

וואס לערנען מיר פון דעם ארויס? למשל איינער טראכט: ״פארוואס געלונגט אייביג פאר מיין חבר אויפצושטיין צייטליך און מיר גייט עס נישט?״ אדער: ״איך האב נישט ליב אויפצושטיין אין באס פאר אן עלטערער איד...

״דאס דאווענען איז אזוי לאנג...״ די אלע מחשבות וועגן געשיקט גלייך פונעם יצר הרע. און מיר זענען בכח אזוי ווי חאצקל בעל עגלה אוועקצושלעפן די מחשבות צום ריכטיגן וועג דורך זיך קאנצענטרירן אין איין מחשבה וואס איז אויסגעהאלטן און דורכדעם וועלן אלע נארישע מחשבות אוועקפליען.

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יואל עהרנטאל הי"ו
לרגל אירוסי בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יואל אדלער הי"ו
לרגל אירוסי בנו הח' משה למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אהרן ראטה הי"ו
לרגל נישואי הבת למזל טוב